## 9917 (SDNY) .L.V. v. NYC Department of Education, 03 Civ

עלטערן פון קינדער מיט אינדיווידועליזירטע עדיוקעישאן פראגראמען וועלכע האבן באקומען אדער וועלכע קענען באקומען א באפעל ביים אויספיר פון א יושר'דיגע הירינג זאלן ליינען דאס בייגעלייגטע מעלדונג וועגן מעגליכע ארויסלאזונג פון אינפארמאציע און דאקומענטן איבער זייערע קינדער אלס טייל פון א פעדעראלע געריכט ליטיגאציע.

איבערזעצונגען אין שפאניש, אראביש, בענגאליש, כינעזיש, פראנצויזיש, האיטיאן-קרעאליש, קארעאניש, רוסיש, און אורדו זענען אוועילעבל אויפ'ן DOE וועבבלאט אויף
דיו פראסעס: יושר'דיגע הירינגס און פאררהאנדלונג

**מעלדונג פון א מעגליכע אויפדעקונג פון סטודענט עדיוקעישאן רעקארדס**

**ביטע ליינט דעם מעלדונג פארזיכטיג.** דאס איז א באריכט וועגן מעגליכע ארויסלאזונג פון דאקומענטן אדער דאטע וועלכע קען ענטהאלטן אינפארמאציע איבער אייער קינד, אויב אייער קינד איז קלאסיפיצירט געווארן אלס א סטודענט מיט א דיסאביליטי און איז געווען אדער וועט מעגליך זיין דער טעמע פון אן ענדגילטיגע יושר'דיגע הירינג באפעל.

### I. נאטור פונעם געזעצליכע אנקלאגע

די געזעצליכע אנקלאגע באצווייפלט דאס פארפעלן פונעם דערפארטמענט אוו עדיוקעישאן ("DOE") פון די סיטי פון ניו יארק צו צייטליך איינפירן באפעלן ארויסגעגעבן דורך יושר'דיגע הירינג באאמטע אין צוזאמענהאנג מיט יושר'דיגע הירינגס וואס זענען געהאלטן געווארן אין איינקלאנג צו די אינדיווידועלן מיט דיסאביליטיס עדיוקעישאן אקט ("IDEA"), 20 U.S.C. § 1400, *et seq.* און N.Y. Education Law § 4401, *et seq.* אין 2007, זענען די צדדים אריין אין א סטיפולאציע פון שליכטונג (די "סטיפולאציע") אין וועלכע דער DOE האט צוגעשטימט אויסצופירן צייטליך די באפעלן.

אין יאנואר 2021, האט דער געריכט געשענקט דעם קלעגער'ס גאנג פארן נאמינירן פון א ספעציעלער מאסטער. אום אפריל 14, 2021, האט דער געריכט אריינגעלייגט א באפעל וואס באשטימט דוד אירווין פון Thru-Ed אלס דער ספעציעלער מאסטער. אום מאי 14, 2021, האט דער געריכט אריינגעלייגט א באפעל וואס רעכנט אויס די אויפגאבעס און אויטאריטעט פון דעם ספעציעלער מאסטער וועלכע ענטהאלט, צווישן אנדערע זאכן, די אויטאריטעט צו מאכן איבערזיכט אויפן DOE'ס פאררהאנדלונגען פארן איינפירן יושר'דיגע הירינג באפעלן און צו רעקאמענדירן צום געריכט פארבעסערונגען צו ערמעגליכן דעם DOE צו צייטליך איינפירן באפעלן. אין איינקלאנג צו דעם באפעל, קען דער ספעציעלער מאסטער האבן צוטריט צו עדיוקעישאן רעקארדס פון סטודענטן, מיטן DOE'ס נאכפאלג פון די פאמיליע עדיוקעישאן רעכטן און פריוואטקייט אקט ("FERPA") (20 U.S.C. § 34 C.F.R. Part 99).

## II. דאטע באפוילן צו ווערן ארויסגעלאזט

כדי דער ספעציעלער מאסטער זאל אויספירן זיינע אויפגאבעס, האט דער געריכט אנגעוויזן דעם DOE צו צושטעלן דעם ספעציעלער מאסטער (און ארבעטער און קאנסולטאנטס ביי Thru-Ed) מיט צוטריט צו רעקארדס וואס ענטהאלטן געהיימע סטודענט רעקארד אינפארמאציע, וואס ענטהאלט, אבער איז נישט באגרעניצט צו, דאקומענטן וואס מען האט אריינגעגעבן אין דעם יושר'דיגע הירינג פראצעדור, יושר'דיגע הירינג באפעלן, דאטא איבער נאכפאלג, און סטודענט'ס ספעציעלע עדיוקעישאן דאקומענטן, אזעלכע אזוי ווי אינדיווידועליזירטע עדיוקעישאן פראגראמען, אפשאצונגען, אויטאריזאציעס, אינוואויסעס, א.ד.ג. דער ספעציעלער מאסטער ווערט געפאדערט צו האלטן סיי וועלכע סטודענט דאקומענטן און אינפארמאציע געהיים. קיין שום סטודענט-ספעציפישע אינפארמאציע וועט ווערן מיטגעטיילט מיט די קלעגער'ס אדוואקאט סיידן אויב דער סטודענט'ס עלטערן געבן ספעציפישע ערלויבעניש. אויב עס איז פאראן סיי וועלכע סטודענט-ספעציפישע אינפארמאציע אינעם ספעציעלע מאסטער'ס באריכטן צום געריכט, וועט די אינפארמאציע נישט ווערן פארעפנטליכט.

דער ספעציעלער מאסטער וועט נוצן די אינפארמאציע בלויז פאר זיין ארבעט צו מאכן איבערזיכט פונעם DOE'ס פראצעדורן פארן איינפירן יושר'דיגע הירינג באפעלן און צו רעקאמענדירן צום געריכט פארבעסערונגען צו ערמעגליכן דעם DOE צו איינפירן אין צייט באפעלן. דאס ארויסלאזן פון די אינפארמאציע טוט נישט באווירקן סיי וועלכע פון אייערע רעכטן אלס א עלטערן צו זוכן ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס פאר אייער קינד.

## IV. קעגנשטעלונגען צום ארויסלאזונג

אויב איר זענט איינשטימיג צו דעם אויפדעקונג פון די אינפארמאציע צו דער ספעציעלער מאסטער, דארפט איר נישט טון עפעס מער.

אויב איר ווילט נישט אז אייער קינד'ס אינפארמאציע זאל ווערן מיטגעטיילט מיט דער ספעציעלער מאסטער, מוזט איר זיך קעגנשטעלן צו דעם אויפדעקונג דורך אריינגעבן א קעגנשטעלונג צו די DOE'ס אדוואקאט, אדרעסירט צו:

Jeffrey S. Dantowitz
NYC Law Department
100 Church Street, Room 2-121
New York NY 10007

אדער דורך אימעיל צו LVObjection@law.nyc.gov. ביטע רעפערירט צום *LV v. DOE* קלאגע (קעיס נומער 03-9917) ווען איר שרייבט. א קעגנשטעלונג בויגן באגלייט דעם מעלדונג, כאטש קיין שריפטליכן קעגנשטעלונג וועט אפגעזאגט ווערן אויב עס וועט נישט זיין אריינגעגעבן אויף דעם בויגן. אויב איר שטעלט זיך קעגן, וועט קיינע רעקארדס וואס ענטהאלטן אייער און אייער קינד'ס פערזענליכע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע אדער אנדערע FERPA-באשיצטע אינפארמאציע ווערן צוגעשטעלט צו דער ספעציעלער מאסטער, כאטש נאמינאלע און אינצידענטאלע אויפדעקונג פון אייער קינד'ס נאמען קען געשען. **סיי וועלכע קעגנשטעלונגען מוזן ווערן דערהאלטן ביז דעצעמבער 3, 2021 אדער פאר יושר'דיגע הירינג באפעלן ארויסגעגעבן נאך נאוועמבער 12, 2021, ביז 3 וואכן פון דאס ארויסגעבן פון דעם יושר'דיגע הירינג באפעל.**

**אויב איר ווילט מער איננפארמאציע וועגן דעם מעלדונג, ביטע פארבינדט זיך מיט די אדוואקאטן פאר קלעגערס, רעבעקא שוהר, פון Advocates for Children of New York, Inc. אויף 646-532-**